## ס׳האָט מיר געחלומט

ס׳האָט מיר הײַנט בײַנאַכט געחלומט:
איך בין קראַנק אין וואַלד געגאַנגען,
די ביימער זענען בלינד געשטאַנען
און  אין כּעס זיך ווילד געטרייסלט,
אַז ס׳האָט קיין בלאַט זיך נישט דערהאַלטן,
און ווינטן האָבן אויף די סטעזשקעס
אין דער פֿינצטער זיך דערציילט:
״אַמאָל, אַמאָל פֿאַר זיבן שׂמיכות
אַמאָל, אַמאָל פֿאַר זיבן יובלות,
איז אַ ישוב דאָ געוועזן,
די ערד איז געווען פֿון שוואַרץ
און דער הימל בלוי און ווײַס,
זומער – גאָלד אין ווינטער – שניי.
דער טאָג – אַן אָנגעקרוינטער וועלטן־מלכות.
שטערן זינגען שטיל בײַנאַכט,
נאָר אַ פֿײַנלעך כמאַרנער חלום
דריקט די שלייפֿן פֿון די מענטשן
און זיי לויפֿן קראַנקע קראַנקע,
און זיי זוכן, זוכן, זוכן,
און ס׳וועלקט אין זיי די ווײַסע וועלט,
אַ פֿויגל טרייסט – הערן זיי נישט,
בלומען רײַצן – קיינער הערט נישט
און זײַ לויפֿן, לויפֿן, לויפֿן,
און זיי זוכן קראַנקע, קראַנקע,
נאָר וואָס זיי טרעפֿן איז פֿאַרוויינט.

– – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – –

איינמאָל אין אַ רויטער אָוונט,
ווען די ערד איז הימל+++
צעגיסט זיך בלוטיק אויף די פֿעלדער,
האָבן זיי אַ געשריי געטאָן אַרויף:

גאָט, ווי לאַנג? גאָט, ווי לאַנג?
מיר שפּרײַזן טויזנט יאָר אויף קללות
גאָט, מיר זענען שוין טויט־מיד.
 און אויסגעבעט אויף זיבן הימלען
זיצסטו, פֿרייסט זיך מיט דײַן מנוחה,
און הערסט נישט ווי מיר קלאָגן זיך
און לאַכסט פֿון די, וואָס וואַנדערן, - -

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס ברענט די זון און לעשט זיך אויס,
יאָרן יאָרן קומען, גייען
און זיי שטייען אויף איין אָרט
רויק, רויק טאָג און נאַכט —
אָן עונש איז אויף זיי געפֿאַלן:
פֿון די אַלטע זענען ביימער,
צווייַגלעך זענען פֿון די קינדער
דאָ אין שוואַרץ אַרויסגעוואָקסן
און פֿון אַלע איז דער וואַלד. - - -

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווען עס קומט אָן האַלבע נאַכט,
פֿאַר חרטה פֿינצטערט זיך דער הימל,
זכרונות נאָגן דעם האָריזאָנט
און שטערן קלאָגן אין די וואָלקן
אָדער פֿאַלן אַראָפּ פֿאַר צרות
ערגעץ אין אַ מידן טייַך... —
דאַן נעמט ציטערן דער וואַלד,
ווי דאָס האַרץ פֿון ווינטער ציטערט
ווען צווישן נאַכט און שניי
פֿלאַטערט קלאַנגלאָז אַ נשמה
פֿון אַ געפֿרוירענעם אין ראָוו...
זייערע טונקעלע געדאַנקען
פּלאָנטערן דורך די צווייַגן זיך,
דאָס לעבן וואַרפֿט זיך אויף די ביימער
און טויזנט־יעריק בייזע גייַסטער
רוישן, רוישן אין דער נאַכט. — —

-----------------------------------------------------

הייַנט; פֿאָרמעלער נאָמען - נייַעס פֿון הייַנט (וואַרשע)
2, נומ׳ 2, יאַנואַר 2, **1920**, ז׳ 5